בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

רבינו **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

**וגאב"ד עיה"ק ירושלים תובב"א**

דברי מוסר שנאמרו בבכיה רבה והתעוררות גדול בענין

## שמירת הדיבור

## ובפרט בשעת התפילה

## וקריאת התורה

מתוך ס"ג פרשת ויחי תשכ"ג

נעתקו בלשון אידיש

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

טבת שנת תשפ"א לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י

**מערכת לשון קדשו**

**צו מנדב זיין לרגל אַ שמחה אָדער אַ יאָרצייט רופט: 1-718-388-5519**

**15 מינוט** (מתוך 89 מינוט)

**קלאָר** ☆☆★★★


---


**לשון קדשו נומערן:**

| ניו יארק: | ארץ ישראל: | קאנאדא: | ענגלאנד: |
|---|---|---|---|
| **929-522-1515** | **072-3275205** | **438-797-0770** | **0330-350-3110** |

צו הערן די רעקארדינגס דרוקט **#1**, דערנאך דרוקט **#913** פאר 'דעם' קונטרס

מען קען אויך הערן אויף קול אוצר יהודא: ניו יארק **718-298-4641** ארץ ישראל **072-3333419**
דרוקט **#→913→16** פאר 'דעם' קונטרס


---

לעילוי נשמת רביה״ק זי״ע

# מרן **יואל** בן מרן הגה״ק **חנני' יום טוב** זצוקללה״ה


KolSatmar.com

## א

**מוֹרַי וְרַבּוֹתַי!**

איך וויל דאָס איינע דאָ מזכיר זיין מֵעִנְיָנָא דְיוֹמָא, אַזוי ווי ס׳קומען די **ימי השובבי״ם**, די **יְמֵי הַתְּשׁוּבָה**, און יעדער איד ברויך **תְּשׁוּבָה צו טון**, מ׳ברויך זיין צובראָכן.

מ׳ברויך זיין **צובראָכן**, מ׳ברויך **מֵשִׂים אֶל הַלֵּב** זיין וויאַזוי מ׳האָט ׳אָפּגעפּירט׳ [די טעג, און] **וויאַזוי מ׳זעט אויס**, [ולהתבונן] **וואָס** וועט זיין דער תַּכְלִית.

[און וויאַזוי] מ׳זאָל מיר די זְכִיָּה האָבן מ׳זאָל נאָך קענען אֱמֶת׳דיג תְּשׁוּבָה טון פאַרן בורא כל עולמים.

## ב

עקסטערדעם ברויך מען זיך עפּעס באַרעכענען [על המאורע לא טובה שקרה בשריפת ספר תורה לא עלינו][א].

ס׳שטייט אין די **כתבי האר״י**[ב], [כי] אַז ס׳ווערט פאַרברענט אַ **סֵפֶר תּוֹרָה**, איז נמסר געוואָרן די תורה פאַר די קְלִיפּוֹת.

אַזוי זאָגט דער **אר״י הקדוש**.

---

[א] בליל זאת חנוכה שנת תשכ״ג נשרף ספר תורה רח״ל בהיכל הישיבה שהיה למעלה בקומה השלישית של הבית המדרש. רבינו היה בצער גדול על זה, ועל זה עורר רבינו בס״ג ויחי בבכיה רבה, דצריך ליזהר יותר בשמירת הדיבור, ובפרט בשעת התפילה וקריאת התורה. ונעשה מזה התעוררות גדול להיזהר בקדושת בית המדרש, ונתמנו אז מטעם רבינו והקהלה כמה מחשובי הקהלה לעמוד על המשמר ולהזהיר את העם על זה.

[ב] **בשער הכוונות** (תיקון חצות, דרוש א): ותרבה בבכיה כפי כוחך, ותקח אפר מקלה ותשים על מצחך במקום הנחת תפילין, גם תכוף ראשך ותחבק פניך בקרקע ממש, ותכוין בזה על **שריפת התורה** שנעשית אפר, וגם תכוין למה שנתבאר אצלינו **בשער רוח הקודש** איך מיום שנחרב בית המקדש **ונשרפה התורה, נמסרו סודותיה ורזיה לחיצונים**, וזה נקרא **גלות התורה** בעונותינו הרבים. [וכן הוא בפרי עץ חיים (שער תיקון חצות, פרק ג ד״ה וכבר)]:

ובשער רוח הקודש (דרוש ג): עוד ידיעה אחרת היתה **להרב** ז״ל, שהיה מכיר בצפצופי עופות, וזה ענינו, דע כי מן **היום שנשרפה התורה** כנודע על ידי אומות העולם בעוה״ר, נמסרו אז כחותיה וסודותיה ביד הקליפות, ולכן אין שום בריה שבעולם אפילו מן בריות טמאות, כמו בהמות חיות ועופות שקצים ורמשים, שכל אלו יש להם שרים ממונים עליהם, ואותם השרים יודעים רזי התורה וסודותיה מן הזמן הנזכר.

והנה אותם השרים הממונים על הבריות או העופות ההם, יזמינו בפיהם בצפצופם וקולם סודות עמוקים מן התורה, ומי שיבין קולם וצפצופם, יוכל לידע כמה סודות בתורה. ויש דורות שיש צדיקים בתוכם מכירים אותם, זה כמו שראיתי למורי ז״ל בעיני, ועל כן השרים מזמינים הסודות ההם, ומכירים ומבינים אותם הראוים להבינם כנזכר:

והובא ענין זה גם **במגן אברהם** הלכות תענית (תקפ, ס״ק ט) וז״ל: איתא **בכתבים**, שראוי לכל בר ישראל לבכות על **שריפת התורה**, שמכח זה נמסרה התורה לקליפות. המקום יחזירה לנו במהרה בימינו.

KolSatmar.com

ג

בעונינו הרבים, ס׳איז שוין דאָ געוווּג [ניצוצי קדושה] אין די קְלִיפָּה, אין די סטרא אחרא. די אַלע ניצוצין הקדושים [שבלעו בעוה״ר] דורך די חַטָאִים וואָס מ׳זינדיגט. איז דאָס אויכעט נאָר אין אונזערע חַטָאִים.

על כל פנים דעס אַליין [מה שקרה בעוה״ר], דעס אַליין איז אַ כח דערפאַר. [און] דאָס ברויך מען צו פאַררעכטן, דאָס איז נישט בְּחִינָם.

ד

נאָר אין אֱמֶת׳ן אַריין, אויף יעדן מְאוּרָע איז דאָ אייביג וואָס מ׳ברויך צו טון, ווער איז דען בְּכֹחַ [להתענות כל כך ולסגף עצמו כפי הנצרך לתיקון העונות][ג].

נאָר אַזויפיל איז [דאַרף מען טון, אַז] על כל פנים מ׳זאָל מֵשִׂים אֶל הַלֵב זיין מ׳זאָל זאָגן **אֱמֶת׳דיגע דִיבּוּרִים** פאַרן בורא כל עולמים, מ׳זאָל זיך **באַרעכענען** אין די אַלע ענינים.

ה

ס׳ווערט געברענגט[ד], **חכמינו ז״ל** האָבן געזאָגט [על הפסוק כִּי] **דְּבַר ה׳ בָּזָה** (במדבר טו, לא), [דקאי על מי שאינו נזהר בבזיון התורה].

---

[ג] כדיבואר להלן באות יב.

ועיין **בשלחן ערוך** (או״ח רפח, ה): והעולם אומרים שנמצא בספרים קדמונים, שעל שלשה חלומות מתענים בשבת, ואלו הן, הרואה ספר תורה שנשרף וכו׳.

**ובאליה רבה** (שם, יד) כתב בשם ספר ראש יוסף [למהר״ר יוסף אישקפא] (סימן תקס״ח) הטעם לרואה ספר תורה שנשרף שצריך להתענות, לפי שמראים לו מהשמים שהוא סיבה לשריפת התורה חס ושלום, וגם כאילו עבר על כל התורה שנחשב כאילו שרפה (עפ״י קידושין לט:).

ועיין עוד **בראשית חכמה** (שער התשובה, סוף פרק ו): ואם הורגל לדבר בבית הכנסת שום דבר, אפילו שלא בשעת התפלה, ישב במורא גדול, ויתפלל בכוונה, ויתענה ארבעים יום בין רצופים בין מופלגים, וילקה בהצנע בכל יום.

[ד] עיין **בגמרא ברכות** (כד:) **וסנהדרין** (צט.) ועוד.

**ובשל״ה הקדוש** (מסכת שבת, נר מצוה אות מה): כשהחזן מתחיל לקרות בתורה יהיו אָזְנֵי כל העם אל ספר תורה וכו׳, ובזה לא יפנו מחשבתם לשום דבר אחר בעולם, כי הוא עָוֹן פלילי לדבר בעוד שהחזן קורא בספר תורת הקל יתברך וכו׳, שאין ראוי כי אם לשמוע את הדברים אשר יוצאים מפי הקורא ולכוין בהם כפי יכלתו, והמשנה בזה עובר משום **כי את דְבַר ה׳ בָּזָה** חס ושלום וכו׳.

**ובכלי יקר** (לך לך יב, ג) שכתב: ונראה כי שלשה לשונות אלו כל אחת קשה משל חברתה, וסדר מדריגתן, בזיון, קללה, ארור, כי **בזיון** לשון קל מכולם, והוא כשב ואל תעשה, שהמבזה אינו נוהג כבוד במבוזה, כמו שכתוב **כי דְבַר ה׳** ״**בָּזָה**״, אמרו **רבותינו ז״ל** (עיין ברכות ח.) זה המניח ספר תורה והולך לו. ולשון **קללה** משמש גם כן לשון בזיון וכו׳.

KolSatmar.com

ס׳איז אַ בִּזָיוֹן [דְּבַר ה׳].

**ווען די סֵפֶר תּוֹרָה איז פָּתוּחַ[ה], און מ׳איז מַפְסִיק מיט שִׂיחָה און דְּבָרִים בְּטֵלִים, איז דאָס אַ שטאַרקער בִּזָיוֹן.**

**און דאָס .. .. וואָס מ׳היט זיך נישט אָפּ דעם דִיבּוּר.**

**ו**

**דער זיידע זכרונו לברכה טייטשט אין ישמח משה פרשת האזינו[ו]. טייטשט ער אַ מסורה, קֶבֶר פָּתוּחַ גְּרוֹנָם** (תהלים ה, י)**, רוֹמְמוֹת קֵל בִּגְרוֹנָם** (שם קמט, ו)**. לֹא יֶהְגּוּ בִּגְרוֹנָם** (שם קטו, ז)**.**

---

[ה] **בגמרא סוטה** (לט.)**:** אמר רבא בר רב הונא, **כיון שנפתח ספר תורה, אסור לְסַפֵּר אפילו** בדבר הלכה, שנאמר (נחמיה ח, ה) [וַיִּפְתַּח עֶזְרָא הַסֵּפֶר לְעֵינֵי כָל הָעָם וגו׳] **וּכְפִתְחוֹ עָמְדוּ כָל הָעָם**, ואין עמידה אלא שתיקה, שנאמר (איוב לב, טז) **וְהוֹחַלְתִּי כִּי לֹא יְדַבֵּרוּ כִּי עָמְדוּ לֹא עָנוּ עוֹד.** ר׳ זירא אמר רב חסדא, מהכא (נחמיה ח, ג), **וְאָזְנֵי כָל הָעָם אֶל סֵפֶר הַתּוֹרָה.**

**ובגמרא ברכות** (ח.)**:** מאי דכתיב (ישעי׳ א, כח) **וְעֹזְבֵי ה׳ יִכְלוּ, זה המניח ספר תורה ויוצא וכו׳.**

**ובשלחן ערוך** הלכות קריאת ספר תורה (או״ח קמו, א-ב)**: אסור לצאת ולהניח ספר** תורה כשהוא פָּתוּחַ וכו׳. כיון שהתחיל הקורא לקרות בספר תורה, **אסור לְסַפֵּר אפילו** בדברי תורה וכו׳.

[ו] **בישמח משה** (האזינו)**:** והנה העיקר לשמור מהבל וכזב, **לשמור הפה והלשון.** והנה פירשתי כבר מסורה אחת וזה הוא תארה, **רוֹמְמוֹת קֵל בִּגְרוֹנָם, לֹא יֶהְגּוּ בִּגְרוֹנָם, קֶבֶר פָּתוּחַ גְּרֹנָם** וכו׳.

והנראה לי בזה, דהנה **האלשיך הקדוש** פירש בפסוק (ואתחנן כג, ג) **וָאֶתְחַנַּן אֶל ה׳ בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר,** דהאי ״**לֵאמֹר**״ אין לו מובן, דאינו לומר לזולתו.

ותורף דבריו, כי הנה אשר דיעה קנה, גם כי צדיק תמים יהיה, לא יבצר ממנו השערת גדולתו יתברך, ואם לפני מלך בשר ודם יעמוד אנוש כערכו, יראה ורעד יבא בו פלצות יאחזוהו ואימתו יבעתוהו, ומה יעשה כי יקום ויתפלל לפני אלקי האלקים ואדוני האדונים, כי יוצר הכל הוא ב״ה וכל העולמות כאין נגדו וכו׳. **וצריך לבקש ממנו יתברך מַעֲנֵה לָשׁוֹן שיוכל להתפלל.**

והיינו **וָאֶתְחַנַּן** וכו׳ שיוכל ״**לֵאמֹר**״. ומהאי טעמא יסדו אנשי כנסת הגדולה בפתח שער התפלה **אֲ-דֹנָ״י שְׂפָתַי תִּפְתָּח,** שהשם אדנות הוא פתח השער התפלות, ממנו נבקש פתוח תפתח שפתותינו, עד כאן דבריו בשינוי הלשון וקיצור מפרושו.

והנה **הגאון מה״ר יונתן ז״ל בספר יערות דבש** (חלק א, דרוש א) בביאור השמונה עשרה, כתב כי **הַשְּׂפָתַיִם שומרים לְפֶה, ואינם ראוים לפותחן אלא ברצון ה׳,** לתורתו, ולכל חפצי שמים, וא-דנ״י במילי אותיותיו אל״ף דל״ת נו״ן יו״ד, גימטריא תַּרְעָ״א, כי אז השערים נפתחים להתפלל וכו׳.

וכתב עוד וזה לשונו, אם כן מי הוא האיש אשר לא יתן על לבו, אם להתפלל **ולהודות לה׳ אני צריך תפלה מה׳ שיפתח שְׂפָתַי, ואיך אני פותח שְׂפָתַי כל היום בדברים בטלים, ניבול פה, ליצנות, שקרנות, גנות חבירו, לשון הרע, רכילות, מסירות, ובוטה לחבריו כמדקרות חרב, וַי מה יענה איש כזה, הלא יצחקו לו מלאכי השרת ויאמרו להתפלל מבקש מה׳ שיפתח שפתיו, וכל היום שפתיו חומה פרוצה שִׂפְתֵי חֲלָקוֹת בְּדִבְרֵי רְמִיָּה,** עד כאן דבריו [של היערות דבש].

KolSatmar.com

ז

[ווייל] ס'שטייט אין **יערות דבש** (חלק א, דרוש א), **זאָגט ער** [אויף דעם וואָס] מ'זאָגט פאַרן דאַווענען [שמונה עשרה], **זאָגט מען ה' שְׂפָתַי תִּפְתָּח וּפִי יַגִּיד תְּהִלָּתֶךָ** (תהלים נא, יז), **מ'בעט זיך ביים אייבירשטן מ'זאָל קענען עפענען דאָס מויל** [אַז] **מ'זאָל זאָגן עפּעס אַ שבח פאַרן בורא כל עולמים.**

**'פאַר' יעדער תפלה זאָגט מען ה' שְׂפָתַי תִּפְתָּח. ברויך מען סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא מ'זאָל קאָנען עפענען דאָס מויל צו זאָגן אַ אידיש וואָרט פאַרן בורא כל עולמים.**

**זאָגט דער יערות דבש:**

**פרעגט ער, מ'וועט דאָך פרעגן אַ קשיא, דו האָסט אַ גאַנצן טאָג גערעדט אַזויפיל דְּבָרִים בְּטֵלִים, שֶׁקֶר, מיט לָשׁוֹן הָרָע, מיט אַנדערע דְּבָרִים אֲסוּרִים,** [נו] **ווער האָט דיר געעפנט דאָס מויל צו דעם, דו האָסט גאָרנישט געבעטן ה' שְׂפָתַי תִּפְתָּח, צו דעם ביסטו געווען גרייט?!**

**נו** [אם כן] **וואָס פאַר אַ פָּנִים האָט מען,** [כי] **אַז מ'וויל זאָגן אַ אידיש וואָרט זאָגט מען ה' שְׂפָתַי תִּפְתָּח.** [והלא] **מ'רעדט דאָך צונעזאַם וואָס מ'ברויך נישט און מ'טאָר נישט.**

[עד כאן דברי היערות דבש].

ח

**מיט דעם טייטשט דער ישמח משה, טייטשט ער די מסורה: קֶבֶר פָּתוּחַ גְּרוֹנָם, מ'רעדט צונעזאַם** [דיבורים אסורים בכל היום, ופיו פתוח כקבר לזה]. **אָבער ווען ס'קומט צו רוֹמְמוֹת קֵל בִּגְרוֹנָם, ווען מ'דאַרף זאָגן אַ אידיש וואָרט, איז לֹא יֶהְגּוּ בִּגְרוֹנָם, בעט מען זיך ה' שְׂפָתַי תִּפְתָּח,** [ווייל] **מ'קען נישט אויפמאַכן דאָס מויל.**

[עד כאן דברי הישמח משה].

---

והנה בברכת **אהבה רבה**, [אצל] **לְהוֹדוֹת לְךָ**, כתבו (שער הכונות תפלת השחר דרוש א, פרע"ח שער קר"ש פ"ג, מגן אברהם או"ח סימן ס, סק"ב) לְכַוֵּן שֶׁהַפֶּה וְהַלָּשׁוֹן נבראו רק להודות ולהלל לשמו יתברך ולשאר חפצי שמים.

ועל פי זה יתבאר המסורה הנ"ל, על אלו שכל היום יהגה פיהם הבל וריק ולשון תרמית, וכשהגיע להתפלל אומר ה' שְׂפָתַי תִּפְתָּח, כאילו לא יכול לְדַבֵּר וצריך שיפתח ה' שפתיו, וזה אָמְרוֹ קֶבֶר פָּתוּחַ גְּרוֹנָם כל היום בלשון הרע ורכילות, ובעת שרוֹמְמוֹת קֵל בִּגְרוֹנָם שצריכין להתפלל ולהודות להשי"ת, אז לֹא יֶהְגּוּ בִּגְרוֹנָם, אינם יכולים לדבר, וצריכין שיפתח שפתותיהן כנ"ל.

KolSatmar.com

ט

איך האָב שוין אויך דאָס אַמאָל געזאָגט[ז].

י

**אין אֱמֶת'ן אַריין, די עבירות שאדם דש בעקביו דאָס איז זייער האַרב. איך דאַרף נישט מאריך זיין אין דעם.**

**אַז מ'היט זיך נישט דאָס מויל,** [ומדברים] **אפילו דְבָרִים הַמוּתָּרִים,** [אויב ס'איז] **בִּשְׁעַת תְּפִלָּה און בִּשְׁעַת קְרִיאַת הַתּוֹרָה, ווי גרויס דער פְּגַם איז**[ח]**.**

**וואָס פאַר אַ 'פָּנִים' האָט מען, אַז דערנאָך זאָגט מען ה' שְׂפָתַי תִּפְתָּח.**

---

[ז] אולי הכוונה לאיזה דרשה שדרש רבינו בענין זה (לפני המלחמה).

ועיין עוד בדברי יואל פרשת בראשית (עמוד לא) שנדפס שם דרשה שאמר רבינו בק"ק סאטמאר בענין גדרי צניעות, ובסוף הדרשה (עמוד לה) כתוב שם וז"ל:

> **וגם רע עלי המעשה מאלו הַמְשִׂיחִים ומדברים בבית המדרש בשעת התפילה וקריאת התורה, דלשעה קלה כזו לא יתנו מנוח לפיהם, ובהרחיב פיהם מדברים שקרים לשון הרע חנופה וכדומה.**
>
> **ואיך לא תהיה כֹּהֶנֶת כְּפוּנְדָקִית, ותראה שלהבדיל האומות העולם בבית תפלתם אין משמיעים אף קול דממה דקה. - הגם שיש לחלק, שאין להם יצר הרע על זה למנעם, ואדרבה להיפך שהוא מסייעם, אבל על כל פנים מיראת הקטרוג צריך להמנע מזה.**

**ובזוהר הקדוש החמירו מאוד בעונש זה. והנה אמרו חז"ל** (ברכות כו:) **אין שיחה אלא תפילה, אבל "אין תפילה אלא שיחה" לא שמענו.**

[ח] **עיין בזוהר הקדוש** (תרומה קלא:)**: וּמַאן דְּמִשְׁתָּעֵי בְּבֵי כְּנִישְׁתָּא בְּמִלִּין דְּחוֹל, וַוי לֵיהּ, דְּאַחֲזֵי פִּרוּדָא, וַוי לֵית דְּגָרַע מְהֵימְנוּתָא. וַוי לֵיהּ דְּלֵית לֵיהּ חוּלָקָא בֶּאֱלָקָא דְּיִשְׂרָאֵל, דְּאַחֲזֵי דְּהָא לֵית** [לֵיהּ] **אֱלָקָא וְלָא אִשְׁתַּכַּח תַּמָּן** [וְלֵית לֵיהּ חוּלְקָא בֵּיהּ] **וְלָא דָּחִיל מִנֵּיהּ, וְאַנְהִיג קְלָנָא בְּתִקּוּנָא עִלָּאָה דִּלְעֵילָּא.**

**דְּהָא בְּשַׁעֲתָא דְּיִשְׂרָאֵל מְסַדְּרֵי בְּבֵי כְּנִישְׁתָּא, סִדּוּרָא דְּשִׁירִין וְתוּשְׁבְּחָן וְסִדּוּרָא דִּצְלוֹתָא, כְּדֵין מִתְכַּנְּשֵׁי תְּלַת מַשִׁרְיָין דְּמַלְאֲכֵי עִלָּאֵי. מַשִׁרְיָיתָא חֲדָא, אִינּוּן מַלְאָכִין קַדִּישִׁין דְּקָא מְשַׁבְּחָן לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וכו' וְאַמְרִין שִׁירִין וְתוּשְׁבְּחָן בַּהֲדַיְיהוּ דְּיִשְׂרָאֵל וכו'.**

**וְעַל דָּא אִצְטְרִיךְ, בְּשַׁעֲתָא דְּאִתְכְּלִילַת בֵּינַיְיהוּ, לְשַׁוָּואָה לִבָּא וּרְעוּתָא בְּהַאי, וְלָא לִישְׁתָּעֵי כְּלָל, דְּלָא לִפְסוֹק בֵּינַיְיהוּ. וְאִי פָּסִיק בֵּינַיְיהוּ, מִתְּחוֹת גַּדְפֵּי כְּרוּבַיָּיא נָפִיק חַד שַׁלְהוֹבָא, וְקָארֵי בְּחֵילָא וְאָמַר, פְּלַנְיָא דִּי פָּסִיק גְּאוּתָא דְּקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, יִשְׁתְּצֵי וְיִתְפְּסַק, דְּלָא יֶחֱמֵי גָּאוּתָא דְּמַלְכָּא קַדִּישָׁא, כְּמָה דְּאַתְּ אָמֵר** (ישעי' כו, י) **וּבַל יִרְאֶה גֵּאוּת ה' וכו'.**

**ובשלחן ערוך** (או"ח קכד, ז)**: לא ישיח שיחת חולין בשעה ששליח ציבור חוזר התפלה, ואם שח הוא חוטא, וגדול עונו מנשוא, וגוערים בו.** [ומקורו הובא בבית יוסף שם מהארחות חיים (סימן פב) בשם הרבינו יונה].

KolSatmar.com

### יא

[והוא פלא] **ווי ווייט ס׳איז גאָרנישט מעגליך** [זיך איינצוהאַלטן],
**מ׳קאָן גאָרנישט נִזְהָר זיין אַזאַ ׳קליינִיגקייט׳.**
[ס׳איז נאָר] **אַ שֵׁב וְאַל תַּעֲשֶׂה.**
**מ׳דאַרף זיך גאָרנישט ׳ווי טון׳.**

### יב

**אין אֱמֶת׳ן אַריין העט מען גיוועהן געדאַרפט האָבן תַּעֲנִיתִים מִיט סִגּוּפִים אויף די עֲוֹנוֹת[ט]. נאָר ס׳איז דאָך נישט מעגליך.**
**אָבער אַז מ׳זאָל אָפּהיטן דאָס מויל** [איז דאָך יאָ מעגליך].
[מילא] **קיין תַּעֲנִיתִים איז מען נישט בְּכֹחַ[י].**

---

[ט] כמבואר באורך בספר הרוקח, ובכתבי האר״י ז״ל, ובספר חרדים (פרק סג), ועוד.

[י] עיין בספר **בוצינא דנהורא** (להרה״ק ר״ר ברוך ממעזיבוז) שהבעל שם טוב הקדוש ביטל את ענין התעניתים בדורות האחרונים:

ובספה״ק **נועם אלימלך** (קדושים ד״ה): **וּבְקֻצְרְכֶם אֶת קְצִיר אַרְצְכֶם כו׳** (יט, ט). נראה דהתורה מלמדת אותנו דרכי התשובה, והיינו שצריך האדם לתקן מה שקלקל, ולשוב על חטאת נעוריו, וזה נקרא מְחַצְּדֵי חַקְלָא, שהוא קוצר את הקליפות שנבראו על ידי חטאיו. ואמר הכתוב **וּבְקֻצְרְכֶם אֶת קְצִיר אַרְצְכֶם**, פירוש הארציות והחומריות, כשתתחיל לחצוד ולקצור הקליפות. **לֹא תְכַלֶּה פְּאַת שָׂדְךָ**, שהנשמה נקראת שָׂדֶה, היינו שדה תפוחים, **לא תכלה אותה על ידי שתסגוף אותה בתעניות וסיגופים יותר מִדַּאי, רק הַכֹּל בְּהַשְׂכֵּל**, כדי שלא תְכַלֶּה חס ושלום את נשמתך, שלא תוכל לעבוד הבורא ברוך הוא, על ידי חלישת כחך שתחליש חלילה:

**ובמאור ושמש** (סוף וילך, בהפטרת שובה): כי הנה ישנם אנשים אשר יחשבו כי תוכן התשובה הוא יום עֲנוֹת אדם נפשו בתעניתים וסיגופים, ואולם לא בזה בחר ה׳, ובפרט בדורות האלו צוה לנו אדמו״ר הרב האלקי הקדוש מו״ה **אלימלך** זצוק״ל לבל יתענו יותר ממה שציוו חז״ל, כי כשל כח הסבל לסבול התעניות והסיגופים, ואין באפשרי לקנות שלימות על ידי תעניתים, זולת מי שבטוח על כוחו ואונו שיהיה יכולת בידו לקבלם, או פגם חס ושלום בעבירות חמורות, יבוא לפני צדיקי הדורות להורות לו תשובה, וכל ערום יעשה בדעת.

אמנם זאת העצה להבא לשוב אל ה׳, לא טוב היותו מגלה מומיו לבני אדם, כמאמר דוד המלך ע״ה (תהלים לב, א) אַשְׁרֵי נְשׂוּי פֶּשַׁע כְּסוּי חֲטָאָה, אכן אולי אחרי אשר לא יפרטם בשפתיו רק יצפנם בלבבו ישכח ויסיח מדעתו אשר העוה ויסורו מנגד עיניו, לזאת העצה הנכונה שבעת אשר יהיה לבדו בלי חברת האדם בביתו או **בחוץ ישפוך שיחו לפני ה׳ ויתיך כמים לבו ולפרוט חטאיו ולהתודות עליהם ולבקש מלפניו יתברך שיפתח לו פתחי התשובה ויורהו נועם דרכיו. גם בשוכבו על משכבו בלילות, זאת תהיה שיחתו בינו לבין בוראו ממקור לבבו, ואם כה יעשה ימים על ימים בכל עת ובכל שעה, גם בעת אשר יתהלך בחוץ לעסוק עסקיו, אזי יבטח כי יפתחו לו שערי תשובה.**

ועיין עוד **בבני יששכר** (תשרי ד, ז אות כג): והנה באשר האדם חלש ואינו יוכל לסבול סיגופים, ובפרט בדורות הללו אשר תָּשׁ כֹּחֵינוּ מן כובד הגלות והיסורין, עכ״ז יקיים

**אָבער ׳דעס׳ אַז מ׳זאָל נישט רעדן וואָס מ׳ברויך נישט. דאָס נעמט נישט צו קיין כֹּחַ. אדרבה דאָס גיט נאָך כֹּחַ!**[יא]

**וואָס אַ תירוץ האָט מען אויף דעם?!**

**׳דאָס׳ קען מען זיך אויך נישט אויפהאַלטן?!**

---

האדם מצות עשה דאורייתא **לשוב אל השי״ת** כמו שכתבתי לעיל, **והשי״ת יקבל תשובתו, כי השי״ת יודע וָעֵד שאין בכחינו לסבול סיגופים:**

ובהקדמת ספרו **דרך פקודיך** כתב: ונראה לי עוד שגם כל אלו הקצבות שקצבו חז״ל לכל חטא ועון, מן הסתם דִּבְּרוּ למי שיש בו כח ויכול לסבול, בלי שיתבטל מתורה ועבודה, אבל לא למי שאין בו כח. ותדע דהרי עונש מלקות ל״ט הוא מן התורה (תצא כה, ב-ג) ואף על פי כן היה צריך אוּמְדְּנָא אם יש בו כח לסבול, ובאם אֲמָדוּהוּ לפחות, היו פוחתין לפי קוצר כחו (מכות כב). והשכל גם כן ישפוט זה, כי החלש יסתגף בתענית יום אחד, יותר מגבור עריץ במאה ימים, היאומן כי יסופר שיהיה קצבת ימי התענית שוה בשניהם, הלא התורה **דְּרָכֶיהָ דַרְכֵי נֹעַם** (משלי יז, ג).

[וע״ע בשם הייטב לב במכתב הגה״צ מלאפאש זצ״ל שכתב לרבינו, נדפס בהקדמת תהלים דברי יואל].

[יא] עיין **בדרך פקודיך** (מצוה לד, חלק המעשה אות ג) **וז״ל: וקבלתי מכבוד אדמו״ר הרב הקדוש מהרמ״מ** [מרימינאוו] **זצוק״ל**, דגם **בְּדַבֵּר** האדם **דְּבָרִים בְּטֵלִים**, הוא בכלל אביזרייהו דאזהרת **לֹא תִּרְצָח**, כי כל דיבור הוא שיעור קומה שלימה, יוצא מכל כוחות נפשו, והוא מבטלהו **שֶׁמֵּרִיק** הקומה הלזו למקום **תֹּהוּ וָבֹטֶל**, אזי מבטל ומרצח אותה הקומה, חלק מכוחות נפשו. [עכ״ד מהרמ״מ].

ותבין אשר ברית **הַלָּשׁוֹן** וברית **הַמָּעוֹר** מְכֻוָּנִים זה כנגד זה (ספר יצירה א, ג), וכמו מי שמריק השפע מברית המעור לבטלה נקרא שופך דמים (נדה יג. ועי׳ יבמות סג:), כמו כן הוא בברית הלשון.

ובפרט כפי מה שקבלנו **מרבותינו** בפסוק (שיר השירים ה, ו) **נַפְשִׁי יָצְאָה בְדַבְּרוֹ, שיש** שיעור לאדם כמה יְדַבֵּר כל ימי חייו, ואם יַרְבֶּה לדבר שלא במקום מצוה, הנה ממעט החיות של שונאי ישראל, וזה **נַפְשִׁי יָצְאָה ׳בְדַבְּרוֹ׳**, אם כן בודאי זה בכלל אביזרייהו דלֹא תִּרְצָח. וממילא מובן הדבר וכל שכן הוא בְּדַבֵּר חס ושלום **דברים אסורים**, לשון הרע ורכילות וכיוצא:

**ובייטב לב** פרשת משפטים: וככר מבואר **בספרים** כי השומר פיו ולשונו מלדבר **דברים בטלים**, וכל שכן **דברים האסורים**, הוא מאריך ימים. **כי הדיבור חיותו של אדם**, בסוד (בראשית ב, ז) וַיְהִי הָאָדָם לְנֶפֶשׁ חַיָּה, ותרגומו לְרוּחַ מְמַלְּלָא. ועל כן כתיב (שיר השירים ה, ו) **נַפְשִׁי יָצְאָה בְדַבְּרוֹ**, בכל דבור יוצא חיותו, **בלתי אם מדבר בדברי תורה, כִּי הֵם חַיֵּינוּ**, ותורת ה׳ משיבת נפש. וזה שאומרים (בתפלת ערבית) **בְּשָׁכְבֵּנוּ וּבְקוּמֵנוּ נָשִׂיחַ ׳בְּחֻקֶּיךָ׳** דייקא, **כִּי הֵם חַיֵּינוּ וְאוֹרֶךְ יָמֵינוּ:**

**ובייטב לב** פרשת תבוא: על פי מה שאמרו **בגמרא** (שבת סז:) **חַמְרָא וְחַיֵּי לְפוּם רַבָּנָן**, ושמעתי ממורי זקני זלה״ה פירוש הדבר בשם **גאון ספרדי**, כי על הפסוק וַיְהִי הָאָדָם לְנֶפֶשׁ חַיָּה, תרגומו לְרוּחַ מְמַלְּלָא, הרי נפש האדם הוא כח הַמְדַבֵּר, ובכל דיבור שמוציא מפיו כח החיוני נתמעט, וכדכתיב נַפְשִׁי יָצְאָה בְדַבְּרוֹ. אך זה בדברי עולם הזה, אבל בדברי תורה כתיב תּוֹרַת ה׳ תְּמִימָה מְשִׁיבַת נָפֶשׁ (תהלים יט, ח), וְטַל תּוֹרָה מְחַיֵּהוּ (כתובות קיא:):

KolSatmar.com

נאָכדעם וואָס מ׳האָט אַזויפיל געזינדיגט פאַרן בורא כל עולמים, קען מען נישט אַזויפיל ׳מַקְרִיב זיין׳ פאַרן אייבירשטענס וועגן, [אַז] מ׳זאָל זיך ׳אָפּהיטן אַביסל׳ דאס מויל, ווען מ׳ברויך נישט [רעדן]?!

אַזויפיל איז מען נישט בְּכֹחַ?!

יג

דאָס אַלעס איז בִּשְׁעַת תְּפִלָּה, וּבִשְׁעַת קְרִיאָה [של הַסֵּפֶר תּוֹרָה, שאז אסור לדבר אפילו דברים המותרים].

יד

און [די זעלבע שלא בשעת התפלה] אַזוי סְתָם [צו רעדן] דְּבָרִים אֲסוּרִים, [שעל זה נאמר] כָּל עֲמַל הָאָדָם לְפִיהוּ (קהלת ו, ז). ס׳איז נישט אַזויפיל ווערט [כל מה שסיגל אדם מצות ומעשים טובים, לנגד עֲמַל הָאָדָם לְפִיהוּ] וויפיל מ׳זינדיגט מיטן מויל.

ס׳איז אַ מאמר חכמינו ז״ל[יב], [ווראין מזה] ווי ווייט דאָס איז [חומר הענין]. ס׳איז אַ פֶּלֶא פון אַ לשון[יג].

[יב] בויקרא רבה (ד, ב) [וכן הוא בקהלת רבה (ו, ו)]: נֶפֶשׁ כִּי תֶחֱטָא וגו׳. זה שאמר הכתוב כָּל עֲמַל הָאָדָם לְפִיהוּ, א״ר שמואל בר אמי, מה שסיגל אדם מצות ומעשים טובים אינו מספיק להבל היוצא מפיו.

ומפרש בחידושי הרד״ל: הֶבֶל, דיבור של חטא. כמו שכתוב (איוב לה, טז) הֶבֶל יִפְצֶה פִּיהוּ, ומפני שהדיבור הוא עיקר גדר מוֹתַר האדם מן הבהמה, לכן אין מספיק כל מעשים טובים שסיגל נגד חטא שבו.

ובתנא דבי אליהו (זוטא, טז) וז״ל שכך שנו חכמים לעולם יהא אדם הולך אל בית המדרש והיא קורא ושונה ויעשה בידיו צדקות כל ימיו, ויהיה מאכיל רעבים ויהא משקה הצמאים ויהא מלביש ערומים, וילך ויפדה שבויים. ואפילו אם אדם עושה כל זאת אינו מספיק להבל היוצא מפיו אפילו שעה אחת, שנאמר כָּל עֲמַל הָאָדָם לְפִיהוּ, ופיו וגופו שהוא חוטא בהם. [ומפרש בזקוקין דנורא שם: פירוש בפיו חוטא במה שאוכל גזילות ושאר דברים אסורים, ומדבר לשון הרע וניבול פה ורכילות ושאר דברים שאסור לדבר, כמבואר בספרי המוסר באריכות וכו׳].

ועיין עוד במנורת המאור (פרק יח): כָּל עֲמַל הָאָדָם לְפִיהוּ, כָּל עָמָל וכל הייסורין הבאים על הָאָדָם אינן אלא בשביל שספר לשון הרע בְּפִיהוּ.

[ובדברי מדרש רבה הנ״ל יש עוד פירוש בדברי המפרשים, דכל המצות ומעשים טובים אינם כדאי לשלם להשי״ת על כל הטובה שעושה עם האדם במה שיכול להוציא הבל מפיו].

[יג] ועיין בויואל משה (מאמר ג, יח) וז״ל: בוודאי מצוה גדולה ליראי ה׳ האמיתים ידיעת הלשון, אבל להרגיל את העם לדבר בלשון הקודש זה אי אפשר, כי גם בלאו הכי עֲוֹנוֹת הַלָּשׁוֹן עצומים ונוראים שקר ולשון הרע וניבול פה ומינות רחמנא ליצלן כהנה וכהנה הָעֲוֹנוֹת מצויים בעונינו הרבים, ואמרו חכמינו ז״ל בקהלת (רבה ו, ו) על הכתוב כָּל עֲמַל

KolSatmar.com

טו

איך דאַרף נישט אויסצורעכענען [דברי חכז"ל בענין דברים אסורים], יעדער ווייסט דאָך. יעדער קאָן דאָך די מאמרי **חכמינו ז"ל** וואָס אויף דעם שטייט אַלץ[יד].

טז

און דער אֱמֶת איז, היינט בדורינו [שמצויים כתות הערב רב ומסיתים ומדיחים, נמצא כי] די ענינים פון **לָשׁוֹן הָרָע**, מיט **אַהֲבָה וְאַחְדוּת**, דאָס איז אֱמֶת'דיגע הֲרָרִים הַתְּלוּיִים בְּשַׂעֲרָה.

דאָס איז אַלעס הֲרָרִים הַתְּלוּיִים בְּשַׂעֲרָה.

יז

[ווי] איך זאָג דאָס אייביג[טו].

ביי יעדן **איסור** שטייט דאַרף מען זיך אָפּהיטן פון **צ"ט שערי היתר** [כדי שלא יפגע בשער אחד של איסור].

ווי דער **רמב"ם** זאָגט[טז] [שדרך חסידים הראשונים] **ליזהר מצ"ט** שערי היתר [כדי] מ'זאָל נישט צוקומען צו קיין **איסור**.

---

הָאָדָם לְפִיהוּ, כל מה שיעמול אדם ויסגל מצות ומעשים טובים בעולם הזה אינו מספיק להבל היוצא מתוך פיהו. ואם כן אם מרגילים אותו לְסַפֵּר בלשון הקודש עוד מגדילים את עונותיו עד לשמים רחמנא ליצלן וכו'.

[יד] ועיין מענין זה **באגרת הגר"א** (לבני ביתו) וז"ל: והכל יביא במשפט על כל דיבור, ולא נאבד אפלו דיבור קל. ולכן אני מזהירך, שתרגיל בכל היותר לישב יחיד, **כי חטא הלשון על כולו**. כמאמר חכמינו ז"ל (תוספתא פאה פרק א), אלו דברים שאדם אוכל כו' "ולשון הרע כנגד כולם".

ומה לי להאריך בזה העון החמור מכל העברות. "כָּל עֲמַל הָאָדָם לְפִיהוּ", אמרו חכמינו ז"ל שכל מצותיו ותורותיו של אדם אינו מספיק למה שמוציא מפיו.

[ועוד אמרו] (חולין פט.) מה אומנתו של אדם בעולם הזה, ישים עצמו כאלם כו', וידביק שפתותיו כשתי רחיים כו'. וכל כף הקלע, הכל הבל פיו של **דברים בטלים**. ועל כל דבור הבל, צריך להתקלע מסוף העולם ועד סופו.

וכל זה **בדברים יתרים**. אבל **בדברים האסורים**, כגון לשון הרע וליצנות ושבועות ונדרים ומחלוקת וקללות, **ובפרט בבית הכנסת**, ובשבת ויום טוב, על אלו צריך לירד לשאול למטה הרבה מאד, ואי אפשר לשער גודל היסורין והצרות שסובל בשביל דבור אחד (זוהר), ולא נאבד אפילו דבור אחד שלא נכתב וכו'.

ובשבת ויום טוב אל תדברו כלל מדברים שאין נצרכים מאד. וגם בדברים הנצרכים למאד תקצרו מאד, כי קדושת שבת גדולה מאד, ובקושי התירו לומר "שלום" בשבת (ירושלמי הובא בתוספות שבת דף קיג). ראה בדבור אחד כמה החמירו.

[טו] עיין ענין זה באורך **בדברי יואל** בכ"מ (נח עמוד קכד, צו עמוד קכ, שמיני עמוד קצ, נשא קמה, מצורע שפג).

KolSatmar.com

אַזוי ווי ס׳איז דאָ אפילו ביי מַאֲכָלוֹת אֲסוּרוֹת וואָס ס׳איז ״אסור״, [אבל גם] צווישן די מַאֲכָלוֹת ׳מוּתָּרוֹת׳ קען מען זיך אָפּהיטן אפילו וויפיל שְׁעָרִים [של היתר] מ׳האָט, מיט סְפֵקוֹת[יז], כדי מ׳זאָל נישט צוקומען צו קיין **איסור**.

און אַזוי ביי יעדע עבירה, ביי יעדע עבירה [און] **ביי יעדע תַּאֲוָה, ביי אַלע** [ענינים] פון די לא תעשה׳ן, [יכולין לקיים בזה] **קַדֵּשׁ עַצְמְךָ ׳בְּמוּתָּר׳ לָךְ** (יבמות כ.), **גדרים וסייגים דאַרף מען צוגעבן פונעם היתר** [כדי] מ׳זאָל נישט אָנרירן אין **איסור**.

## יח

[אמנם לא כן באיסור לָשׁוֹן הָרָע, נגד חיוב ומצות אַהֲבָה וְאַחְדוּת]

[וואָס] דאָס איז צוויי גרויסע זאַכן, ס׳איז דאָ צוויי ענינים וואָס אין דעם איז תָּלוּי **כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, כָּל הַמִּדּוֹת טוֹבוֹת**, [און] דאָס גאַנצע **שְׁלֵמוּת** פון אַ מענטש איז תָּלוּי [אין די צוויי זאַכן], איז דאָ צוויי גרויסע זאַכן וואָס זענען הַפָּכִיּוֹת, וואָס זענען איינס ׳קעגן׳ דאָס אַנדערע [זה לטוב וזה לרע], און ס׳איז גאָרנישט דאָ ניטאַמאָל ׳איין׳ **שַׁעַר הֶיתֵּר** [מה שיכולין להוסיף לסייג וגדר] נישט צו ׳דעם׳ און נישט צו ׳דעם׳.

---

[טז] **ברמב״ם** (דיעות, פרק א וב): הדרך הישרה היא מדה בינונית שבכל דעה ודעה [=מדה ומדה] וכו׳. ומי שהוא מדקדק על עצמו ביותר, ויתרחק מדעה בינונית מעט לצד זה או לצד זה, נקרא ״חָסִיד״, כיצד מי שיתרחק מִגּוֹבַהּ הַלֵּב עד קְצֵה הָאַחֲרוֹן ויהיה ״שְׁפַל רוּחַ בְּיוֹתֵר״, נקרא חָסִיד, וזו היא מדת חסידות.

ואם נתרחק עד הָאֶמְצַע בלבד ויהיה ״עָנָיו״, נקרא חָכָם, וזו היא מדת חכמה. ועל דרך זו שאר כל הדעות.

וחסידים הראשונים היו מטין דעות שלהן מדרך האמצעית וכו׳, וזהו לפנים משורת הדין וכו׳.

ומה היא תקנת חולי הנפשות, ילכו אצל החכמים שהן רופאי הנפשות וירפאו חליים בדעות שמלמדין אותם עד שיחזירום לדרך הטובה וכו׳. וכיצד היא רפואתם, מי שהוא בעל חֵמָה אומרים לו להנהיג עצמו שאם הוכה וקולל לא ירגיש כלל, וילך בדרך זו זמן מרובה עד שיתעקר הַחֵמָה מלבו, ואם היה גְּבַהּ לֵב ינהיג עצמו בבזיון הרבה וישב למטה מן הכל וכו׳, עד שיעקור גֹּבַהּ הַלֵּב ממנו, ויחזור לדרך האמצעית וכו׳.

והמשל של ״שערי היתר״, מבואר **בחובות הלבבות** (שער התשובה, פרק ה) וז״ל: תנאי גדרי התשובה רבים מאד וכו׳, ותנאי העזיבה וכו׳. והשני, עזיבת הַמּוּתָּר המביא לידי איסור, כדברים הַמְסוּפָּקִים אם מותרים הם או אסורים, **כמו שנאמר על קצת החסידים, שהיו פורשים משבעים שערים משערי הַמּוּתָּר, מיראתם שער אחד משערי הָאָסוּר**, וכמו ״הסייגים״ שציוו עליהם רבותינו זכרונם לברכה, ואמרו (אבות א, א) וַעֲשׂוּ סְיָג לַתּוֹרָה. -

[והלשון ״צ״ט״ שערי היתר, כן מורגל בספרים].

[יז] כמבואר בארוכה **במסילת ישרים** פרק יג-יד.

KolSatmar.com

יט

[דאָס] דאַרף מען נישט זאָגן, דעם גרויסן עָוֹן פון **לָשׁוֹן הָרָע**[יח].

פון **פְּגִיעָה בִּכְבוֹד חֲבֵרוֹ**, ובפרט **תַּלְמִידֵי חֲכָמִים**, וכהנה וכהנה.

און פון **שִׂנְאַת חִנָּם**.

[וואָס] לא מיניה ולא מקצתו, יעדע **תְּנוּעָה** דערפון איז גרויס דער **פְּגַם הַנֶּפֶשׁ**.

און ס׳שאָדט פאַרן **קִיּוּם כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ**[יט].

כ

און אַזוי אַודאי איז דאָך פאַרהאַנדן אַמאָל **לִימּוּד זְכוּת**, **אויף יעדן איד**.

דאָס איז אַלעס פון די גוואַלדיגע **מִדּוֹת** וואָס אין דעם איז תלוי **אַלדינגס**.

כא

ווידעראום פאַרקערט, [כשהמדובר הוא] פון **מינות מיט אפיקורסות**, [און] פון די אַלע וואָס זענען **מַסִּיתִים וּמַדִּיחִים** [לענינים כאלו], וואָס ס׳שאָדט פאַר **אידישקייט**, [מאנשים כאלו] ברויך מען זיך **מְרַחֵק** זיין – **הַרְחֵק מִשָּׁכֵן רָע**[כ] – **כִּמְטַחֲוֵי קֶשֶׁת**. [ואסור ללמד עליהם זכות].

כב

ווי דער **מנות הלוי** זאָגט[כא], [אַז] אויף **עֲבֵירוֹת** וואָס מ׳איז נישט **מוֹכִיחַ** [אף שהוא מכשול, אבל אינו מביא חרון אף כל כך גדול, ווי] **אַז מ׳איז נאָך**

---

[יח] כמבואר בארוכה **בגמרא ערכין** (טו:), ועוד בכ״מ.

[יט] ועיין **בחובת הלבבות** (שער הפרישות, פרק ה) וז״ל: שתתחיל בראשונה לֶאֱסוֹר לְשׁוֹנְךָ וְלִבְלוֹם שְׂפָתֶיךָ, ותפרוש מן **הדברים הבטלים**, עד שתהיה בעיניך הֲנָעַת האבר הַכָּבֵד שבאבריך, יותר קלה מֵהֲנָעַת לְשׁוֹנְךָ, כי הלשון מהירה בתנועתה לחטא, וחטאיה רבים מכולם, בעבור קלותה ומהירות תנועתה וכו׳, וכפי זה, אחי, יש מן הדין עליך להשתדל לבלמה ולמשול בה, ואל תתיר לה מן הדיבור אלא מה שלא תוכל לעמוד בלעדיו, לצורך התורה, או לצורך העולם וכו׳, כמו שאמר החכם (משלי יח, כא) מָוֶת וְחַיִּים בְּיַד לָשׁוֹן וכו׳, כמו שאמר דוד עליו השלום (תהלים לד, יג-יד) מִי הָאִישׁ הֶחָפֵץ חַיִּים אֹהֵב יָמִים לִרְאוֹת טוֹב, נְצֹר לְשׁוֹנְךָ מֵרָע וּשְׂפָתֶיךָ מִדַּבֵּר מִרְמָה וכו׳, עיין שם עוד באריכות.

[כ] במשנה דאבות (א, ז): נִתַּאי הָאַרְבֵּלִי אוֹמֵר, הַרְחֵק מִשָּׁכֵן רָע, וְאַל תִּתְחַבֵּר לָרָשָׁע, וְאַל תִּתְיָאֵשׁ מִן הַפֻּרְעָנוּת.

[כא] **במנות הלוי** (למהר״ש אלקבץ, על מגלת אסתר ג, ח) **בפסוק יֶשְׁנוֹ ״עַם אֶחָד״**: **ופקח עיניך וראה**, **כי על הבלתי מוחים אמר** (בחקותי כו, לז) **וְכָשְׁלוּ אִישׁ בְּאָחִיו** (סנהדרין כז: שבועות לט.), **והוא מכשול לבד**, **על שאינם מוחים וגם אינם מְחַפִּים**. **ועל הַמְחַפִּים אמר** (קדושים כ, ה)

KolSatmar.com

דערויף מְלַמֵּד זְכוּת, איז נאָך אַרגער, ווייל מיט דעם מאַכט מען גרינג אַלעס.

כג

[און] **בעוונינו הרבים פאַלט מען אַריין** [בעון לימוד זכות על הרשעים ומסיתים ומדיחים, ועון חמור זה] **דעס איז אויך יסוד כל התורה כולה** [תלוי בה]. **וואָרן דורכדעם** [מה שממליצין זכות על הרשעים] **פאַלט מען אַריין אין הִתְחַבְּרוּת** [לָרְשָׁעִים] מיט **דברים לא טובים.**

כד

[קומט אויס] **זענעןביידע** [ענינים] **זייער האַרב, און ס׳איז נישטאָ ׳אינדערמיט׳ קיין שערי היתר.**

[ס׳איז דאָ בלויז] **איינס פון די צוויי:**

**דעס וואָס ס׳איז נישט אין גדר אַז מ׳זאָל מוֹכִיחַ זיין** [כדי להחזירו למוטב], **דאָס איז** [בגדר] **מְרַחֵק צו זיין, און מקיים צו זיין הֲלוֹא מְשַׂנְאֶיךָ ה׳ אֶשְׂנָא** (תהלים קלט, כא).

**און ווידעראום איין געוואַלדיגער איסור חמור פאַרקערט,** [לדבר רע על אנשים כשרים, דכשהמדובר מן יראי ה׳] **איז מען מחוייב ווידעראום** [צו האָבן] **אַהֲבָה וְאַחְוָה, און מְלַמֵּד זְכוּת זיין, איז מען מחוייב מ׳זאָל זיך אָפּהיטן דאָס לשון** [מלדבר עליהם].

**און ווידעראום פאַרקערט איז אויך** [האַרב, שלא ימנע עצמו מללמוד חובה על המסיתים ומדיחים][כב].

**דאָס איז ביידע זייער האַרב, און ס׳איז נישטאָ ׳נאָר׳ דער חֹמֶר הָאִסּוּר פון דעם צַד, און פון דעם צַד.**

---

וְשַׂמְתִּי אֲנִי אֶת פָּנַי בָּאִישׁ הַהוּא וּבְמִשְׁפַּחְתּוֹ, כי הם כעוברי העבירה, אחר שלא דַי שלא מִיחוּ, אלא שֶׁחִיפּוּ, וזהו עַם אֶחָד הֵן (מגילה יג:). - [ועיין מה שכתב רבינו בזה בויואל משה (א, קמ. ב, קלו)].

[כב] כמבואר בפסוק בפרשת המסית (ראה יג, ט): לֹא תֹאבֶה לוֹ, וְלֹא תִשְׁמַע אֵלָיו, וְלֹא תָחוֹס עֵינְךָ עָלָיו, וְלֹא תַחְמֹל וְלֹא תְכַסֶּה עָלָיו.

ופירש רש״י: לֹא תֹאבֶה לוֹ. לא תהא תאב לו, לא תאהבנו. לפי שנאמר (קדושים יט, יח) וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ, את זה לא תאהב: וְלֹא תִשְׁמַע אֵלָיו. בהתחננו על נפשו למחול לו. לפי שנאמר (משפטים כג, ה) עָזֹב תַּעֲזֹב עִמּוֹ, לזה לא תעזוב: וְלֹא תָחוֹס עֵינְךָ עָלָיו. לפי שנאמר (קדושים יט, טז) לֹא תַעֲמֹד עַל דַּם רֵעֶךָ, על זה לא תחוס: וְלֹא תַחְמֹל. **לא תהפך בזכותו: וְלֹא תְכַסֶּה עָלָיו. אם אתה יודע לו חובה, אינך רשאי לשתוק:**

KolSatmar.com

כה

[ולכן] **ברויך מען האָבן אַ גרויסן כֹּחַ הַכְרָעָה** [מתי להשתמש במדה זו ומתי להשתמש במדה שכנגדה].

**מ׳דאַרף זיך פלאָגן דערויף אַז מ׳זאָל טון דעם אֱמֶת, און מ׳זאָל זיך נישט חלילה פאַרדרייען, און פאַרזינדיגן, מיט קיין שלעכטן וועג.**

כו

אָבער בעונותינו הרבים טוט מען פונקט פאַרקערט גאָר [ווי מ׳דאַרף טון. וואָס] דאָס איז דאָך אַודאי נישט גוט.

אַז דאָרט וואו מ׳ברויך נישט [צו רעדן], נוצט מען אויס דאָס **לשון**, די לשונות נוצט מען אויס דאָרטן וואו מ׳טאָר נישט. און דאָרט וואו מ׳איז מחוייב [צו רעדן נגדם], זאָגט מען פאַרקערט [לימודי זכות].

כז

איך קאָן נישט אַזויפיל מאריך זיין דאָ, עס צולייגן בִּפְרָטִיּוּת. מ׳קאָן יעדערער פאַרשטיין [וואָס איך מיין]. **ווער ס׳זוכט דעם אֱמֶת קאָן פאַרשטיין** וואָס אין דעם ליגט, וואָס מ׳מיינט.

מ׳דאַרף האָבן גרויס סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָא וויאַזוי מ׳זאָל ׳דורכפירן׳ [שתי מִצְוֹת אלו] אין **דער שווערער צייט פון עיקבא דמשיחא**, וואָס די נסיונות זענען גרויס מכל צד וצד ובכל פרט ופרט.

כח

תּוֹכֶן דערפון: מ׳זאָל **מֵשִׂים אֶל הַלֵּב** זיין [להזהר בדיבורו כראוי].

[און] **ה׳ לֹא יִמְנַע טוֹב לַהֹלְכִים בְּתָמִים** (תהלים פד, יב), אֵין לנו על מי להשען אלא על אבינו שבשמים (סוטה מט.), ׳ער׳ וועט אונז העלפן.

ס׳איז נישטאָ קיין **מוֹרֶה דֶרֶךְ** ׳ווער׳ זאָל אונז פירן, אַזוי ווי ס׳איז געווען אין דורות הראשונים. ס׳איז געווען אַמאָל אידן **נְבִיאִים** און אֱמֶת׳דיגע בַּעֲלֵי רוּחַ הַקוֹדֶשׁ.

[אָבער] איין מוֹרֶה דֶרֶךְ האָב מיר [יאָ], איין מַנְהִיג האָב מיר, דעם **בורא כל עולמים!**

כט

**כביכול דער בורא עולם, העלפט יעדן איד! אַז מ׳זוכט דעם אֱמֶת!**

KolSatmar.com

**אַז מ׳בעט זיך צו אים, נְחֵנִי בְּדֶרֶךְ אֱמֶת!**

[מ׳בעט זיך] **ער זאָל מַשְׁפִּיעַ זיין אין הארץ אַריין** [אַז] **מ׳זאָל זיך אָפּהיטן פון עֲוֹנוֹת, בְּדִיבּוּר וּבְמַעֲשֶׂה וּבְמַחְשָׁבָה.**

**דעס ערשטע הייבט זיך אָן ביי דער מַחֲשָׁבָה.**

**און דערנאָכדעם ביים דִיבּוּר.**

**און דערנאָכדעם ביי די כְּלֵי הַמַּעֲשֶׂה.**

**מ׳דאַרף זיך בעטן ביים באַשעפער!**

**ל**

**איבערדעם אַז ס׳קומען די טעג, די ימי השובבי״ם** [דאַרף מען זיך בעטן אַז] **מ׳זאָל די זְכִיָּה האָבן מ׳זאָל אֱמֶת׳דיג דינען דעם אייבירשטען.**

**וואָס קאָן מען טון עפּעס אַנדערש? נאָר תְּפִלּוֹת וְתַחֲנוּנִים!**

**מ׳זאָל וויסן, ווען מ׳שטעלט זיך דאַווענען, זאָל מען וויסן לִפְנֵי מִי אַתָּה מִתְפַּלֵּל.**

**מ׳זאָל וויסן ׳וואָס׳ מען רעדט, ווען מ׳בעט זיך צום באַשעפער.**

**מ׳זאָל זיך טאַקע אַכט געבן און האָבן אָפּגעהיטענע אויגן, מיט אָפּגעהיטענע מַחֲשָׁבוֹת.**

**לא**

**דער אֱמֶת איז, אויף דעם חטא הידוע, אין זוהר הקדוש אויף איין פלאַץ**[כג] **שטייט דאָך גאָר אַז ס׳נוצט נישט קיין תשובה חלילה.**

**און אויף איין פלאַץ**[כד] **זאָגט ער** [אַז] **יאָ,** [דמועיל] **אַ תשובה וואָס ס׳איז כנגד כל החטאים, אַ גרויסע תְּשׁוּבָה.**

---

[כג] **בזוהר הקדוש** (ויחי דף ריט:): **תְּנַן, אָמַר רִבִּי יְהוּדָה, לֵית לָךְ חוֹבָא בְּעַלְמָא דְּלָא אִית לֵיהּ תְּשׁוּבָה, בַּר מֵהַאי. וְלֵית לָךְ חַיָּיבַיָּא דְּלָא חָמָאן אַפֵּי שְׁכִינְתָּא, בַּר מֵהַאי. דִּכְתִיב לֹא יְגוּרְךָ רָע, כְּלַל.** [בלשון הקודש: אין לך עון בעולם שאין לה תשובה, חוץ מעון זה. ואין לך רשעים שאינם יכולים לזכות לראות פני השכינה, אם לא על ידי עון זה, דכתיב לא יגורך ׳רע׳, בכלל, (וחטא זה נקרא רע)].

[כד] **בזוהר הקדוש** (ויקהל דף ריד:): **בְּשַׁעֲתָא דְּדַיְינִין לֵיהּ בְּהַהוּא עָלְמָא, מִסְתַּכְּלָן בְּעוֹבָדוֹי, אִי הֲוָה פָּגִים רָזָא דִּבְרִית קַדִּישָׁא דְּחָתִים בִּבְשָׂרֵיהּ וכו׳ הַאי לֵית לֵיהּ חוּלָקָא בְּצַדִּיקַיָּיא וכו׳, וַוי לֵיהּ דְּאַעֲלִין לֵיהּ בְּגֵיהִנָּם וכו׳. וְהַנֵי מִלֵּי כַּד לָא עָבֵד תְּיוּבְתָּא שְׁלֵימְתָא, תְּיוּבְתָּא דְּאִיהִי אִתְחַזְיָיא לְחַפְיָיא עַל כָּל עוֹבָדוֹי.** [בלשון הקודש: בשעה שדנים אותו בעולם הבא, מסתכלים במעשיו. אם היה פוגם סוד ברית הקודש שחתום בבשרו וכו׳ זה אין לו חלק בהצדיקים וכו׳, אוי לו

KolSatmar.com

[אָבער] אונז זעמיר דאָך זייער ווייט פון דעם, אפילו נאָר פון אַ 'שטיקל' [תְּשׁוּבָה].

**נאָר וואָס'זשע דען, מ'האָפט דאָך אַז בְּקֶרֶב, לאחר ביאת המשיח, ס'וועט קומען אליהו און דער מלך המשיח, וועט ער דאָך אידן מַחֲזִיר בִּתְּשׁוּבָה זיין, ווער ס'וועט עס דערלעבן.**

**ווער ס'וועט עס דערלעבן, דער וועט אַוודאי טון תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה.**

**לב**

**סיידן[כה] חלילה די וואָס זענען אָפּגעריסן אינגאַנצן** [משורש הקדושה, ווי] **די מְסִיתִים וּמַדִּיחִים, און אפיקורסים, וואָס דער רשב"א זאָגט[כו]** (בתשובה, ח"א סימן תיד) [אַז] **זיי זענען גאָרנישט מִזֶּרַע 'אֱנוֹשִׁי', נאָר פון די שִׁי"ן דַלֶ"תּ'ן, פון 'זייערע' נפשות[כז].**

**נו פון "די" רעדט מען דאָך נישט. אויף 'דעם' איז דאָך געשטעלט - ווי חכמינו ז"ל רעכענען אויס** (ברכות כח: מגילה יז:) **- די ברכת וְלַמַּלְשִׁינִים.**

---

שמכניסים אותו לגיהנם. במה דברים אמורים, כשלא עשה תשובה שלימה, תשובה הראויה לכסות על כל מעשיו].

ועיין עוד **בזוהר הקדוש** (נח סב.) דאיתא שם דכל חטאיו של האדם והשחתות שלו תלויים בתשובה, חוץ מעון פגם הברית, שעל זה כתיב (ירמי' ב, כב) נִכְתָּם עֲוֹנֵךְ לְפָנַי, וכתיב ביה (תהלים ה, ה) כִּי לֹא קֵל חָפֵץ רֶשַׁע אָתָּה לֹא יְגֻרְךָ רָע, **אם לא על ידי 'תשובה גדולה'.**

[כה] פירוש: אויסער.

[כו] **בשו"ת הרשב"א** (ח"א, סימן תיד) כתב בענין האומר דברי מינות ומוציא דברי התורה הקדושה ממשמעות פשטות הכתובים, וז"ל: ובאמת האיש ההוא העיד ונאמן על עצמו יותר ממאה עדים **שאינו מזרעו של אברהם**, ותפלתו לא ישמע קֵל, **שאינו אפילו מזרעו של עֵשָׂו וְיִשְׁמָעֵאל**, רק מאותן שֵׁדִין וְלִילִין שנולדו מֵחַוָּה ואדם הראשון, על כן תקללם בכל לשון, וכל ישראל נקיים.

[כז] וז"ל רבינו **בויואל משה** (ג, כז): וידוע מה שכתב **הרשב"א** על המינים ואפיקורסים שאינם מזרע ישראל, ואף לא מזרע האומות, רק הם מאותן שֵׁדִין וְרוּחִין שהוליד אדם הראשון בק"ל שנה שפירש מאשתו כידוע (עירובין יח: ובראשית רבה כ, כח). וכבר הסברתי הענין (בס"ג נח תשט"ו, ועוד בכ"מ) על פי מה שכתבו מפרשי הזוהר הקדוש אהא דאיתא בזוהר (בראשית דף כה) שיש בישראל ה' מיני עֵרֶב רַב, ואחד מהם הם זרע עמלקים, ופירשו דהכוונה על "הנשמות", דאף שנולדו 'בגופם' אצל זרע ישראל הכשרים, אבל 'נשמותיהם' הם מזרע עמלקים. וכמו כן אפשר כוונת הרשב"א שנשמותיהם של המינים ואפיקורסים הם מזרע אותן הַשֵּׁדִין וְרוּחִין. ואין זה סיפור דברים בעלמא, כי אם מפורש יוצא בתשובת רבינו הרשב"א ז"ל.

KolSatmar.com

**לג**

אָבער דער איד וואָס ער וויל טון [תשובה], וועט דער בורא כל עולמים העלפן אַז מ'וועט **תְּשׁוּבָה טון** [בביאת אליהו ומשיח].

נאָר וואָס'זשע דען, דאַרף מען וויסן אַז **די היינטיגע תְּשׁוּבָה** איז על כל פנים אַן **הַתְחָלָה** [להתשובה האמיתי דלעתיד][כח].

**לד**

דער זיידע **זכרונו לברכה** דער **ייטב לב** פלעגט צו זאָגן אַ 'ווערטל' [ברמז מאמר הגמרא] (ראש השנה כה:) **יִפְתָּח בדורו כִּשְׁמוּאֵל בדורו**, אין 'דעם דור' **אַז מ'הייבט נאָר עפּעס אָן** איז ער שוין **כִּשְׁמוּאֵל בדורו**.

פלעגט ער זאָגן "**יִפְתָּח**" **בדורו**, מ'זאָל עפּעס 'אָנהייבן'.

**לה**

ער האָט עס געזאָגט בְּדֶרֶךְ צַחוּת, אָבער [דאָס] ווייסט מען דאָך [אַז] **זיינע 'ווערטלעך' זענען געוועזן 'בְּרוּחַ הַקוֹדֶשׁ', אין דעם איז געלעגן גרויס 'עַמְקוּת'.**

**לו**

ווי דער אֱמֶת איז, ווי קאָן מיר זיך דען אויסמאָלן מ'זאָל טון תְּשׁוּבָה 'שְׁלֵימָה'? הַלְוַאי מ'זאָל עפּעס טוהן, ס'זאָל אָנגענומען ווערן פאַרן בורא כל עולמים פאַר אַ **הַתְחָלָה**, פאַר אַ '**פֶּתַח**' **תְּשׁוּבָה**. [בבחינת] **הוֹרֵיתָ לָנוּ "דַּרְכֵי" תְּשׁוּבָה**, [דהתשובה שעושין כהיום] ס'איז דער "**דֶּרֶךְ**" פון **תְּשׁוּבָה**[כט], כאָטשיג ס'איז נאָכנישט קיין תְּשׁוּבָה 'שְׁלֵימָה'

---

[כח] עיין בזה באורך **בויואל משה** (א, מא), **ובדברי יואל** (בראשית עמוד כד, נשא קמג, שובה אות ו-ז), ועוד.

[כט] עיין **בס"ג ויחי תש"כ** (לשון קדשו אות לט-מא) **וז"ל: איך האָב אינזין געהאַט**, [לפרש וואָס מ'זאָגט (בסדר תחנון וסליחות) [קֵל אֶרֶךְ אַפַּיִם אַתָּה] **וּבַעַל הָרַחֲמִים נִקְרֵאתָ, "וְדֶרֶךְ" תְּשׁוּבָה הוֹרֵיתָ**. [ולכאורה] פאַרוואָס זאָגט מען נישט "וּתְשׁוּבָה" הוֹרֵיתָ, וואָס איז דער "וְדֶרֶךְ" תְּשׁוּבָה.

נאָר דער אמת איז, ווען מ'גייט "תשובה" טוהן, איז מען דאָך זייער ווייט פון "תשובה שלימה", איבערהויפּט ווי זיי זאָגן אויף דעם חטא הידוע וואָס מ'ברויך אַזאַ 'שטאַרקע' תשובה, און אפילו 'וואָסערע' תשובה [מ'זאָל טוהן] איז מען זייער ווייט דערפון.

נאָר וואָס'זשע דען, אַז מ'איז אַביסל 'עוסק' אין "עניני תשובה", מ'איז מֵשִׂים אֶל הַלֵּב, [ומדברים] עפּעס "דיבורים", מ'זאָגט עפּעס דיבורים פאַר'ן באַשעפער, און אַביסל "וואַרימע טרערן" פאַר'ן בורא כל עולמים, דעס איז על כל פנים דער "דֶּרֶךְ" פון

KolSatmar.com

ממילא וועט דער בורא כל עולמים רַחֲמָנוּת האָבן.

לז

מ׳ווייסט דאָך, מ׳וואַרט [אין הימל] אויף דעם. [שנשוב עכ״פ לפי ערכינו].

[און] אַז דער אייבירשטער וועט העלפן אַז מ׳זאָל מיר זוכה זיין די גאולה שלימה, ׳דעמאָלטס׳ וועל מיר אַודאי אַלע תשובה טון [כראוי].

לח

מ׳זאָל נאָר נישט חלילה נדחה ווערן, אַז די חטאים זאָלן נישט דאָס גורם זיין. מ׳זאָל נישט חס ושלום נדחה ווערן.

מ׳זאָל זיין פון די וואָס זיי וועלן זוכה זיין, און מ׳וועט זען די אֱמֶת׳דיגע ישועה.

לט

**אוֹי! ווי דערלעב מיר שוין דאָס!**

**מ׳זאָל מיר זוֹכֶה זיין [צו] קַבָּלַת פְּנֵי מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ!**

**דעמאָלטס וועל מיר דאָך אַודאי אֱמֶת׳דיג תְּשׁוּבָה טון!**

---

**תְּשׁוּבָה**, דאָס איז אַ ״וועג״, אַ ״דֶּרֶךְ״, וויאַזוי מ׳זאָל ׳צוקומען׳ צו **תְּשׁוּבָה**, כאָטשיג ס׳איז [דעס אויך] חָשׁוּב פאַר׳ן בורא כל עולמים אָבער דאָס איז נאָכנישט קיין ״תְּשׁוּבָה״ [ממש], ס׳איז [נאָר] דער ״דֶּרֶךְ״ פון תְּשׁוּבָה.

איבערדעם זאָגט מען ״וְדֶרֶךְ״ תְּשׁוּבָה הוֹרֵיתָ, דו האָסט געוויזן פאַר אידן דעם ״דרך״ פון תשובה. מ׳זאָל מיר כאָטש גיין אין ׳דעם׳ דרך! מ׳זאָל מיר נישט פאַרקריכן בעונינו הרבים [אין] דרכים מדרכים שונים, [וואָס] מ׳ווערט אַראָפּגעפירט פון [ריכטיגן] דרך, מ׳גייט אין אַ דרך [וואָס איז] ׳וואָס-אַמאָל׳ אַרגער און אַרגער.

וז״ל רבינו **בויואל משה** (מאמר ב, סימן מז): וכעין זה אמרתי לפרש מה שאומרים וְדֶרֶךְ תְּשׁוּבָה הוֹרֵיתָ, שלכאורה סגי לומר ״תשובה הורית״ כי מזה אנו מדברים, ומה שמוסיף תיבת ״דרך״ הוא לכאורה מיותר. גם אינו מובן הכוונה. אלא נראה שאמר שאף שאין בכחו לעשות תשובה שלימה מקוצר דעתו והשגתו ומצב לבבו הסתום והאטום, מכל מקום הורה לנו הקב״ה לילך בדרך תשובה שאם יש לו איזה הרהור תשובה, זהו הדרך שיוכל להביא אחר כך לידי תשובה שלימה. ובאמת אם זוכה אחר כך לעשות תשובה כראוי, ואף אם ברגע אחרונה קודם מיתתו יבוא לידי תשובה אמיתית יחזור הכל אל הקדושה.

KolSatmar.com